בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום א' פ' ויצא | א' דר"ח כסליו | תשע"א | סוטה: מ"ד:

# באריכט:

דעם שב"ק ביים טיש ליל שב"ק איז מכובד געווארן מיט כל מקדש הרה"ג ר' חיים הערש דאווידאוויטש שליט"א פון ירושלים איידעם פון הרה"ג ר' ר' משה האלבערשטאם זצ"ל, מיט מנוחה ושמחה איז מכובד געווארען הר"ר חיים ארי' כהנא שליט"א ר"מ בישיבת היכל התורה וומסב"ג.

ביי די תורה האט זיך די רבי שליט"א געשטעלט אויפן פסוק ויתרוצצו הבנים בקרבה, און אויסגעטייטשט בדרך דרוש אין די סוגיא פון אין בונין ביהמ"ק ביום טוב, און מצות בטילות לעת"ל.

מיט קה אכסוף איז מכובד געווארן הר"ר אברהם מרדכי דאווידאוויטש הי"ו פון קוממיות, מיט קה רבון איז מכובד געווארן הרה"ח ר' שלמה ווערצבערגער הי"ו משמש דקהלתינו וומסב"ג, מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' יושע אשר כהנא שליט"א ראש כולל רבנים אין כולל למצויינים אין ירושלים עיה"ק. מיט אז ביום השביעי איז מכובד געווארן מוה"ר הערשל קאהן הי"ו פון וויליאמסבורג.

ביי שלש סעודות האט זיך די רבי שליט"א געשטעלט אויף די פסוקים פון די ברכות וואס יצחק אבינו האט געבענטשט יעקב ויתן לך האלקים מטל השמים, אויסטייטשנדי'ג בדרך רמז מוסר אויף דעם וואס די גמרא זאגט אז ס'איז דא ד' חילוקי כפרה און ס'איז דא עבירות וואס נאר די יום המיתה איז מכפר, אבער ס'איז דא א עצה דורך מסירות נפש אדער תשובה מאהבה, אדער דורך לימוד התורה, און דער רבי האט מאריך געווען בדברי התעוררות בענין לימוד התורה.

## באזוך ביי מרן רבינו שליט"א

נעכטן מוצש"ק איז הרה"צ ר' ישראל האגער שליט"א מ'וויזניץ - בני ברק, וועלכער ווייל אצינד אין ניו יארק, געקומען אויף א באזוך צו גיסו מרן רבינו שליט"א ווי עס האט זיך אנטוויקעלט א הערליכער שמועס בדברי תורה און נאך.

## אסיפת מלמדים אין קרית יואל

דערנאך איז דער רבי שליט"א געגאנגען צום זאל פון קרן ויואל משה ווי עס איז פאהרגעקומען אן

אסיפת מלמדים פאר אלע מלמדים וכלי קודש פון די מוסדות הק' אין קרית יואל.

עס איז געווען אן ערהאבן בילד די אריבער הונדערט מלמדי תשב"ר כ"י זיצן ביי די טישן מיט אן ערנסקייט לשמוע את דבר ה', עס האבן אויפגעטרעטן דער יו"ר הר"ר שמואל שלמה טעללער הי"ו וועלכער האט ארויסגעברענגט דברי חיזוק און די חשיבות פון די מלמדים.

דערנאך האט מיט'ן משא המעמד אויפגעטרעטן הרה"ג ר' יעקב ווייס שליט"א ראש ישיבת פאפא, און דערנאך מיט'ן "דבר החינוך" האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' שלמה לעזער שליט"א ר"מ ישיבת שערי יושר,ביידע האבן שטארק ארויסגעברענגט דאס ענין פון די עבודת הקודש און די אויפגאבע וואס עס הויערט אויף די מלמדים.

בשם הנהלת המוסדות האט אויפגעטרעטן מוה"ר מאיר הירש הי"ו, און דערנאך האט מען געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש דברי חיזוק והדרכה פון כ"ק מרן רבינו שליט"א וואס האט באריכות ארומגערעדט איבער די חוב און אחריות וואס ליגט אויפ'ן מלמד צו זיין א מוסטער פאר די תלמידים, דער רבי האט בתוך דבריו שטארק מחזק געווען די חשוב'ע מלמדים.

࿐

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר אהרן וואלף פאלאטשעק הי"ו פון קרית יואל.

נאכ'ן דאווענען איז דער רבי שליט"א אריבער צו זיין וועכענטליכ'ער באזוך אינע'ם בית השחיטה המהודרת, און דערנאך אריין אין מצה בעקעריי ווי מען גרייט זיך אציגד אנצוהייבן דעם פראצעדור פון מצות באקן אויף פסח הבעל"ט.

࿐

## באזוך ביי מרן רבינו שליט"א

אין די מיטאג שטונדן זענען געקומען צום רבי'ן שליט"א הרה"צ ר' אהרן מענדל טווערסקי שליט"א בן האדמו"ר מ'סקווירא שליט"א איידעם פון האדמו"ר מ'וויזניץ מאנסי שליט"א, אינאיינעם מיט גיסו ומחותנו הרה"צ ר' אברהם יושע העשיל טווערסקי שליט"א בן האדמו"ר מ'ראחמסטריווקא שליט"א איידעם פון האדמו"ר מ'סקווירא שליט"א, צו לאדענען זייער פעטער – מרן רבינו שליט"א צו שמחת כלולת בניהם שיחיו וועלכע קומט אי"ה פאהר די וואך אין שיכון סקווירא.

࿐

במשך די גאנצע וואך זיצן די עסקנים פונע'ם וועד קרן הבנין פון ביהמ"ד ברך משה - סקילמאן ביים די טישן אין ביהמ"ד הגדול אין וומסב"ג אויפצונעמען די נדבות פאר'ן אפיעל פון בהימ"ד.

אויך קען מען איבערגעבן נדו"נ פאר העסקן הנמרץ מוה"ר דוד ווערטהיימער הי"ו 347-268-8329

אדער קען מען ארייןשיקן צו

Central Cong. of Yetev Lev D'Satmar
164 Skillman St.
Brooklyn NY 11205

࿐

## מסיבה לטובת כולל למצויינים אין ניי וומסב"ג

היינט אווענט קומט פאהר אין וומסב"ג א ספעציעלע מסיבה לטובת דעם כולל למצויינים ויואל משה ירושלים עיה"ק אין שטוב פון מוה"ר יקותיאל אהרן רובין הי"ו אויף 103 סקילמאן סט. ווי עס איז ערווארטעט דער השתפפות פון א גרויסע צאהל אנ"ש תושבי ניי-וויליאמסבורג צו קומען ארויסווייזן שטיצע פאר'ן בארימטער כולל.

﴾•﴿

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.